ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
שניאורסאהן
מליובאוויטש

•

**משיחות לילות ד׳, ה׳, ו׳ ושבת קודש פ׳ תרומה ה׳תשנ״ב**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה
ה׳ תהא שנת פלאות אראנו
ע״א שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**בס"ד.**

# פתח דבר

**הננו מוציאים לאור משיחות כ"ק אדמו"ר שליט"א דלילות ד', ה', ו' ושבת קודש פ' תרומה שנה זו.**

## מערכת „אוצר החסידים"

יום ג' שהוכפל בו כי טוב, ז' אד"ר ה'תשנ"ב (**ה**י' **ת**הא **ש**נת **נ**פלאות **ב**כל),
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

נסדר לדפוס ע"י הת' שלום דובער בן חנה והת' מנחם מענדל הלוי בן נחמה דינה פייגא

# בס"ד. משיחות לילות ד', ה', ו' ושבת קודש פ' תרומה ה'תשנ"ב

א. פותחין בברכה[1]. ובפרט שטייענ־דיק באַ דער התחלה וכניסה פון חודש אדר, ווען מ'האָט דעם אָנזאָג און דעם דין[2] אַז „משנכנס אדר מרבין בשמחה", און בחודש זה איז „בריא מזלי'"[3] ד־ישראל. במילא איז פאַרשטאַנדיק אַז אידן ווערן דעמולט ספעציעל גע־בענטשט מיט ברכות.

נאָכמער: די גמרא זאָגט[4] „כשם שמ־שנכנס אב ממעטין בשמחה כך משנכנס אדר מרבין בשמחה", „הלכך בר ישראל דאית לי' דינא בהדי נכרי לישתמיט מיני' באב דריע מזלי' ולימצי נפשי' באדר דבריא מזלי'". ולכאורה: וואָס איז דער תוכן ההשוואה בגמרא „כשם שמש־נכנס אב ממעטין כו' כך משנכנס אדר מרבין כו'", דאָס שוואַכט דאָך אָפּ לכ־אורה דעם גודל השמחה בחודש אדר!

ויש לומר, אַז אדרבה: לשון חז"ל „כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה כך משנכנס אדר מרבין בשמחה", קומט לערנען, אַז דער מיעוט השמחה בחודש אב גייט אַריין אין דעם זעלבן תוכן פון ריבוי השמחה בחודש אדר („כשם . . כך"). וואָרום די כוונה און תכלית אין דעם מיעוט השמחה בחודש אב איז נאָר בכדי מ'זאָל דאָס מהפך זיין מחשוכא לנהורא וממרירו למיתקו[5].

און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך דעם „מרבין בשמחה" און „בריא מזלי'" אין חודש אדר, וועלכער איז מהפך אויך דעם „ממעטין בשמחה" און „ריע מזלי'" בחודש אב. און דעריבער איז מובן, אַז דורך דעם קומט צו נאָכמער שמחה אין אדר – נוסף צו דער שמחה מצ"ע אין טוב הנראה והנגלה, אויך די שמחה פון דעם וואָס מ'איז דעמולט מהפך די ענינים בלתי רצויים (וואָס ברענגען צו „ממעטין בשמחה"), באופן אַז עס ווערט „ועשה לי מטעמים"[6] לשון רבים[7], סיי „ממאכלים ערבים ומתוקים" (מרבין בשמחה באדר מצ"ע) און סיי „מדברים חריפים או חמוצים רק שהם מתובלים ומתוקנים היטב עד שנעשו מעדנים להשיב הנפש"[7] (די אתהפכא פון עניני אב לנהורא ולמיתקו).

[ועפ"ז יומתק וואָס דער ציווי אויף ריבוי השמחה באדר ווערט געבראַכט דוקא אין מס' תענית, אין דער סוגיא וואו עס רעדט זיך וועגן דער ירידה פון חודש אב, כולל מיעוט השמחה שבו].

און דורך דעם קומט צו נאָכמער אין דער פתיחה בברכה – אַ ברכה בכל ה־ענינים, אויך אין מהפך זיין כל הענינים של היפך לברכה ושמחה.

ביז די ברכה הכי עיקרית – בענין שהזמן גרמא – ברכת גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ווען עס וועט זיין שלימות השמחה – „אז ימלא שחוק פינו"[8], און שלימות פון „בריא

1) ע"פ פתיחת אגרת הראשונה באגה"ק שבתניא. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 641 בהערה.

2) תענית כט, סע"א. הובא להלכה במג"א או"ח סו"ס תרפו (וראה לקו"ש חי"א ע' 338 בהערה. סה"ש תנש"א ח"א ע' 339 הערה 2. וש"נ).

3) תענית שם, ריש ע"ב.

4) שם, א־ב.

5) ראה זח"א ד, א.

6) תולדות כז, ז.

7) תניא פכ"ז.

8) תהלים קכו, ב. וראה ברכות לא, א.

מזלי״ פון אידן, ושלימות פון אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למיתקו.

ב. די התחלה פון חודש אדר קומט אויס (– בכו״כ שנים) אין דער וואָך פון פרשת תרומה.

וע״פ הידוע[9] אַז די מועדים אין יאָר האָבן אַ שייכות צו די פרשיות בתורה ווען זיי קומען אויס, דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות פון חודש אדר – "משנכנס אדר מרבין בשמחה", און ווען ס'איז "בריא מזלי" של ישראל – מיט פרשת תרומה.

און נוסף צו דער שייכות מיט חודש אדר בכלל, דאַרף דאָס האָבן אַ שייכות אויך מיט דער חידוש אין דער קביעות פון חודש אדר בשנה זו:

(א) זייענדיק אַ שנה מעוברת זיינען בשנה זו פאַראַן צוויי אדר'ס. און איצטער – ווען מ'לייענט פ' תרומה – האַלט מען באַ דעם אָנהויבס פון חודש אדר ראשון.

(ב) די צוויי טעג ראש חודש אדר ראשון (וואָס דער ראש איז אין זיך כולל און פירט אָן מיט כל ימי החודש[10]) זיינען אויסגעקומען בימי ג' וד' בימי השבוע.

ג. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים אַ דיוק אין דער פרשה:

אין דער התחלה פון היינטיקער פרשה – דער ציווי פון דעם אויבערשטן "ויקחו לי תרומה גו' וזאת התרומה אשר תקחו מאתם זהב כסף ונחושת גו'"[11] – איז ידועה די שאלה: פאַרוואָס תרומת המשכן הויבט זיך אָן דוקא מיט "זהב"[12]?

נוסף אויף דער שאלה בכלל, אַז די דברים האָבן געדאַרפט שטיין אין אַ סדר מן הקל אל הכבד, לא זו אף זו[13] – וואָלט אַזוי געפּאַסט לכאורה נאָך מער בנדו"ד: וויבאַלד אַז דאָ רעדט זיך וועגן נדבת המשכן – וואָס איז אַ חיוב אויף אַלע אידן כל אחד לפי נדבת לבו ("ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו גו'"[11]), און בפשטות זיינען באַ אידן דאַן געווען חילוקים צווישן דל ועשיר[14], און אין נדבת המשכן "לא היתה יד כולם שוה בה"[15] – וואָלט דאָך לכאורה געפּאַסט צו אָנהויבן מיט די דברים – כסף אָדער נחושת – וואָס זיינען מערער מצוי ביי אַלע אידן, זאַכן אין וועלכע זיי גלייכן זיך מערער אויס, און דערנאָך רעכענען זהב וואָס איז שייך מער צו די רייכערע אידן.

ע"ד ווי מ'זעט אין דעם סדר הנדבות שלאחרי זה – אַז אַלע ענינים (מלבד זהב בתחלה) זיינען בהתאם צו דעם מצב פון די מנדבים: פריער קומט זהב כסף ונחושת, וואָס די אַלע דריי זיינען געווען באַ (רוב[16]) אידן, און אַלע אידן

9) של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב (רצז, א).

10) ראה לקו"ת דרושים לר"ה נח, סע"א. ובכ"מ.

11) פרשתנו כה, ב־ג.

12) ראה בחיי וראב"ע ריש פרשתנו. ועוד.

13) ראה דברי שאול עה"ת כאן.

14) כמפורש בר"פ תשא בהציווי דתרומת שקלים (שנאמר ביחד עם הציווי (בר"פ תרומה) "ויקחו לי תרומה גו'", "ג' תרומות נאמרו כאן כו'" (פרש"י שם, ב)) – "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט". וראה גם כלי יקר פרשתנו כה, ג, שבתרומת המשכן לא היו כולם שוים בה כי אם איש לפי עשרו.

ולהעיר ממכילתא ופרש"י עה"פ בר"פ משפטים "כי תקנה עבד עברי" – "מיד ב"ד שמכרוהו בגנבתו כמו שנאמר אם אין לו ונמכר בגניבתו". אבל ראה לקו"ש חט"ז ע' 253.

15) פרש"י תשא ל, טו.

16) ראה ראב"ע שם: "ברוב הקהל נמצא".

(„כל איש״) האָבן דערפון מנדב געווען אין משכן. דערנאָך קומען „תכלת וארגמן ותולעת שני ושש ועזים ועורות אלים מאדמים ועורות תחשים״[17] — וואָס אויף דעם שטייט[18] נאָר אַז „כל איש אשר נמצא אתו תכלת . . הביאו״ — „כי לא נמצאו מאלה רק למקצתם״[19]. דערנאָך[20] — „עצי שטים״ („כל אשר נמצא אתו״) — „כי היו יותר מעטים שבידם עצי שטים״[21]. און די לעצטע זאַכן — „שמן למאור וגו׳״, און „אבני שוהם ואבני מילואים״[22] — וואָס נאָר „הנשיאים הביאו״[23] (ווייל דאָס איז ניט געווען באַ די אַנדערע אידן). [ובפרט לויטן פירוש[24] אין „והנשיאים הביאו את אבני שוהם״ — עננים הביאום].

ועפ״ז — האָט זהב געדאַרפט קומען נאָך כסף ונחושת וואָרום ווייניקער אידן האָבן געבראַכט דערפון ווי כסף ונחושת.

דהגם אַז אידן האָבן געהאַט אַ ריבוי זהב וכסף[25] פון ביזת מצרים און ביזת הים — כמאחז״ל[26] „אין לך כל אחד ואחד מישראל שלא היו עמו תשעים חמורים לובים טעונים מכספה וזהבה של מצרים״ — איז אָבער בפשטות געווען באַ (די מצריים, ובמילא באַ) אידן מער כסף (ונחושת) ווי זהב, ווייל אַ טייערערע זאַך (זהב) איז דאָ ווייניקער בכמות (ואדרבה: דערפאַר איז דאָס טייערער). ובזה גופא — זיינען געווען חילוקים אין עשירות צווישן אידן גופא, כנ״ל.

נאָכמער: נוסף אויף דעם וואָס אידן האָבן געהאַט מער נחושת ווי כסף און מער כסף ווי זהב — איז אויך צום משכן האָבן אידן מנדב געווען מער כסף ונחושת ווי זהב, כמפורש אין רמב״ן[27] „וכל איש אשר הניף תנופת זהב לא היו רבים כמרימי הכסף והנחושת ולא היתה הרמת הזהב מרובה ככסף והנחושת״. און דער טעם בפשטות אויף דעם איז אויך, ווייל פאַר עשיית המשכן וכליו האָט מען געדאַרפט האָבן מער כסף ונחושת ווי זהב (ווי אויסגערעכנט בפרטיות אין פ׳ פקודי[28]).

וואָס לויט דעם אַלעם ווערט שטאַרקער די שאלה הנ״ל: פאַרוואָס תרומת המשכן הויבט זיך אָן דוקא מיט „זהב״?

מ׳קען ניט ענטפערן אַז די תורה רעכנט אויס די י״ג[29] (ט״ו[30]) דברים לויט סדר חשיבותם, און זהב איז דער דבר החשוב ביניהם (מער חשוב ווי כסף ונחושת) — ווייל (א) „אבני שוהם ואבני מילואים״ וועלכע זיינען דברים חשובים יותר ווי די זאַכן וואָס שטייען פריער, ווערן גערעכנט ערשט בסוף[31]. (ב) ו־

17) פרשתנו שם, ד.

18) ויקהל לה, כג.

19) רמב״ן עה״פ שם, כב.

20) פרשתנו שם, ה.

21) רמב״ן ויקהל שם.

22) פרשתנו שם, ו־ז.

23) ויקהל שם, כז.

24) תנחומא, ת״י ותיב״ע עה״פ.

25) כל כסף וזהב שבעולם (פסחים קיט, א).

26) בכורות ה, ב. וכ״ה בתנחומא בשלח כה. הובא בפרש״י בא יג, יג (וראה לקו״ש חט״ז ע׳ 253 הערה *20).

27) ויקהל שם, כב.

28) לח, כד ואילך.

29) תנחומא פרשתנו ה. שהש״ר פ״ד, יג. פרש״י ודעת זקנים מבעה״ת ריש פרשתנו. זח״ב קמח, א.

30) בחיי פרשתנו כה, ז. כלי יקר שם, ג. וראה זח״ב קלב, ב.

31) כ״כ בדברי דוד (להט״ז) ריש פרשתנו.

עיקר[32]: אין דעם ציווי לנדבת המשכן ע"י ישראל איז דאָך ניט נוגע חשיבות הדבר, נאָר דער מצב בפועל פון אידן המנדבים און דער צורך אין משכן, און איןביידע ענינים איז כסף ונחושת גע־ווען מער ווי זהב, כנ"ל.

איך דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס פאַר אַ הוראה לדורות לערנט מען אָפּ דערפון וואָס „זהב" איז ראשון פון די נדבות המשכן?

ד. ויש לומר דער ביאור אין דעם, ובהקדים אַ שאלה בנוגע צו כללות המשכן:

עשיית והקמת המשכן לה' איז געווען תלוי אין אַלע אידן – הן דער ציווי אויף נדבת המשכן איז געווען צו יעדער אידן („ויקחו לי תרומה גו' מאת כל איש"), אויך צו נשים („ויבואו האנשים על הנשים"[27]), ביז אַז אויך טף האָבן זיך משתתף געווען אין נדבת המשכן[33]; און אויך דער ציווי אויף עשיית המשכן („ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[34]) איז אַ חיוב אויף יעדער אידן – ווי דער רמב"ם שרייבט[35]: „הכל חייבין לבנות ולסעד בעצמן ובממונם, אנשים ונשים כמקדש המדבר".

דאַרף מען פאַרשטיין:

דורך דעם משכן האָט זיך אויפגעטאָן אַ חידוש נפלא – וואָס איז ביז דעמולט ניט געווען – אַז אין אַ בית גשמי למטה זאָל זיין „ושכנתי בתוכם". ווי דער נביא איז מפליא[36] – „השמים ושמי השמים לא יכלכלוך", און דוקא „הבית הזה" אָט דאָרט איז השראת השכינה, „ונועדתי שמה לבני ישראל גו'"[37]!

לויט דעם האָט לכאורה געדאַרפט זיין, אַז בכדי אויפצובויען אַ משכן לה' (וואו עס זאָל זיין „ושכנתי בתוכם") דאַרף מען אָנקומען דוקא צו אנשים נעלים ביותר צווישן אידן, וואָס האָבן בכח צו מאַכן אַזאַ בית וואו די שכינה זאָל רוען און נתגלה ווערן,

[ווי דאָס איז געווען בנוגע צו עצם עשיית המשכן, אַז דאָס איז געטאָן גע־וואָרען דורך בצלאל און „וימלא אותו רוח אלקים גו'"[38], ע"פ הוראות משה רבינו וואָס ער האָט געהערט פון דעם אויבערשטן אַליין, ועוד יותר – „ככל אשר אני מראה אותך גו' כן תעשו"[39]].

אעפ"כ זאָגט תורה, אַז דער משכן איז תלוי דוקא אין דער נדבה ופעולה פון יעדער אידן – סיי אנשים און סיי נשים, און אויך טף! איז ווי האָט עס אַן איש פשוט, אַן אשה פשוטה, און אפילו אַ קליין קינד, דעם כח צו אויפטאָן אַזאַ חידוש אַז די שכינה זאָל שורה זיין אין אַ בית גשמי בעולם הזה הגשמי (ביז באופן פון „ושכנתי בתוכם", בתוך כל אחד ואחת מישראל[40]) – אַ זאַך וואָס קען ניט זיין אפילו אין „שמים ושמי ה־שמים")?!

---

32) כי שאלה הא' אפשר לתרץ כמ"ש בראב"ע ריש פרשתנו „והתחיל בתחלה הנדבה הנכבד שהוא הזהב והשלים בנכבד אבני שוהם ואבני מילואים כי לא נמצאו רק אצל הנשיאים ולא כן הזהב כי ברוב הקהל נמצא".

33) אדר"נ פי"א, א. וראה צפע"נ מהד"ת ג, ג.

34) פרשתנו כה, ח.

35) הל' ביהב"ח פ"א הי"ב.

36) מ"א ח, כז. וראה המשך תרס"ו ע' תקלה. ובכ"מ.

37) תצוה כט, מג.

38) ויקהל לה, לא.

39) פרשתנו כה, ט.

40) אלשיך עה"פ קרוב לסופו (ד"ה עוד יתכן). ר"ח שער האהבה פ"ו קרוב לתחלתו. של"ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב. ובכ"מ.

ובפרט אַז דער „ויקחו לי תרומה" דאַרף זיין „לי לשמי"[41], אַזוי ווי דער „ועשו לי מקדש" דאַרף זיין „לשמי"[41], ד.ה. אַז נוסף אויף דער נתינה ועשי׳ בפועל, דאַרף זיין אויך די כוונה לשמה[42]. וואָס עבודה לשמה (ובפרט בתכלית השלימות) איז ניטאָ ביי אַלע אידן, אנשים נשים וטף, ווי דער רמב״ם שרייבט[43] (אין הל׳ תשובה), ביז אַז די שלימות העבודה לשמה מתוך אהבה („לא מפני דבר בעולם כו׳ אלא עושה האמת מפני שהוא אמת") „היא מעלה גדולה מאד ואין כל חכם זוכה לה"[44].

**ה. איז דער ביאור אין דעם:**

דער ציווי אויף עשיית המשכן איז געקומען דוקא נאָך מתן תורה, און אַלס המשך צו מתן תורה — וואָס דעמולט האָט זיך אויפגעטאָן דער „ובנו בחרת מכל עם ולשון"[45], די בחירה פון דעם אויבערשטן אין יעדן אידן, און דוקא אין דעם גוף פון אַ אידן[46], אַז אויך זייענדיק אַ נשמה בגוף גשמי בעולם הזה הגשמי זאָל ער זיין „ממלכת כהנים וגוי קדוש"[47].

וכידוע[48] אַז ביז מתן תורה איז געווען די גזירה אַז עליונים לא ירדו לתחתונים ותחתונים לא יעלו לעליונים, און באַ מתן תורה איז געוועזן דער ביטול הגזירה, און אידן, ווי זיי שטייען אין תחתונים — זיינען זיי (באמת) שטענדיק אין (אַ מצב פון) עליונים, מצד זייער „חלק אלוקה ממעל ממש"[49], וואָס העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס בכולו[50], „ישראל וקוב״ה כולא חד"[51].

פון מתן תורה אָן — איז די מציאות פון יעדער אידן אַזאַ, אַז ניט קוקנדיק אויף זיין חיצוניות, איז „אע״פ שחטא ישראל הוא"[52], ער האָט „דאָס פינטעלע איד", וואָס מצד דעם איז ניט ער וויל און ניט ער קען זיין ח״ו אָפּגעריסן פון אלקות[53], וכפס״ד הרמב״ם[54] — אַז דער רצון אמיתי פון יעדער אידן איז צו מקיים זיין רצון ה׳, און דאָס וואָס עס זעט אַמאָל אויס אַנדערש, איז דאָס נאָר בחיצוניות מצד דעם וואָס „יצרו הוא שתקפו".

נאָכמער: אפילו אַזאַ איד וואָס האַלט נאָך ביי עבודה שלא לשמה — ברענגט דער רמב״ם[55] (פון חז״ל[56]), אַז „לעולם יעסוק אדם בתורה ואפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה", און זאָגט „לפיכך כשמלמדין את הקטנים ואת הנשים וכלל עמי הארץ אין מלמדין אותן אלא לעבוד מיראה כו׳ עד שתרבה דעתן ויתחכמו כו׳ ומרגילין אותן כו׳ עד שישיגוהו וידעוהו ויעבדוהו מאהבה", און דער טעם אויף דעם איז — ווייל „מתוך שלא לשמה", דער תוך און פנימיות[57] פון דער (עבודה פון אַ אידן

41) פרש״י עה״פ.

42) ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 287.

43) פ״י ה״א.

44) רמב״ם שם ה״ב.

45) נוסח ברכת אהבת עולם דתפלת שחרית. וקאי על מ״ת – ראה שו״ע אדה״ז או״ח ס״ס ס״ד.

46) תניא פמ״ט (סט, סע״ב ואילך).

47) יתרו יט, ו.

48) תנחומא וארא טו. שמו״ר פי״ב, ג. ועוד.

49) תניא רפ״ב.

50) כש״ט בהוספות סקט״ז. וש״נ.

51) ראה זח״ג עג, א.

52) סנהדרין מד, רע״א.

53) „היום יום" כ״ה תמוז.

54) הל׳ גירושין ספ״ב.

55) הל׳ תשובה שם ה״ה. וכן בהל׳ ת״ת פ״ג ה״ה. טושו״ע יו״ד סרמ״ו ס״כ. הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ד ס״ג.

56) פסחים נ, ב. וש״נ. ירוש׳ חגיגה פ״א ה״ז.

57) ראה גם לקו״ש ח״ח ע׳ 167. ועוד.

אפילו) „שלא לשמה" (תחתונים) איז — „לשמה" (עליונים).

לויט דעם איז מובן ווי אַזוי יעדער איד — אנשים נשים וטף — האָט דעם ציווי וכח צו מאַכן דעם משכן לה', וואָס דאַרף זיין „לשמי" — ווייל דורך מתן תורה איז אַ איד געוואָרן אַ נייע מציאות, אַזאַ מציאות וואָס זייענדיק אַ נשמה בגוף למטה, און ניט קוקנדיק אויף זיין דרגא אין עבודה (אפילו אויב זי איז שלא לשמה), איז זיין „תוך" ופנימיות „לשמה", לשם ה', אָן קיין שום אַנדער טעם וענין, „לא מפני דבר בעולם ולא מפני יראת הרעה ולא כדי לירש הטובה, אלא עושה האמת מפני שהיא אמת". און דעריבער האָט ער בכח צו אויפמאַכן אַז אויך מציאות העולם (תחתונים) קען ווערן קדושה (עליונים), ביז — אַ „דירה לו יתברך בתחתונים"[58], אַ משכן ומקדש לה', אויף וועלכן דער אויבערשטער זאָגט „ושכנתי בתוכם".

ו. עפ"ז יש לומר דעם טעם פאַרוואָס „זהב" איז דער ערשטער פון די נדבות המשכן:

בשעת דער אויבערשטער (אין תורה) רעכנט אויס די נדבות וואָס אַ איד דאַרף ברענגען — הויבט ער אָן מיט „זהב", ווייל דערמיט ווערט אַרויסגעבראַכט (ניט סתם די חשיבות פון זהב מצ"ע (בלי כל שייכות צו נדבת המשכן ע"י ישראל), נאָר דאָס ברענגט אַרויס) די חשיבות ומעלה פון אַ אידן, אַז דער ערשטער — ראשון במעלה — פון זיינע נכסים (און במילא פון זיינע נדבות) איז „זהב", די טייערסטע און חשוב'סטע זאַך.

וואָרום די מציאות פון אַ איד — נאָך מתן תורה — איז אַזאַ, אַז אפילו זייענדיק למטה אין גשמיות העולם, וואו מ'דאַרף אָנקומען (ביים בויען אַ משכן) אויך צו כסף ונחושת וכו' (און בכמות — מער ווי צו זהב), איז ער צום אַלעם ערשטן אַן עשיר בעצם[59], אַ „בן מלך"[60], און נאָכמער — „מלך" אַליין[61], וואָס מציאותו איז (און אים געהערט) די טייערסטע זאַך — „זהב", ר"ת „זה הנותן בריא"[62] — דער נותן (דער איד) אויך ווי ער שטייט למטה, איז ער בתכלית השלימות פון בריאות, בגשמיות וברוחניות.

נאָכמער: נוסף אויף דעם וואָס די הקדמה פון זהב ברענגט אַרויס די מעלה וחשיבות פון אידן בכלל — איז דאָס נוגע במיוחד אין דעם ענין גופא פון „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", וואָרום דער כח צו אויפמאַכן „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" קומט דורך אַ אידן, וואָס אויך זייענדיק למטה איז ער „עליונים", בדרגת „זהב".

אויב מ'רעדט נאָר ביחס צו דעם משכן און צו דעם אופן ווי אידן האָבן מנדב געווען אין משכן — דעמולט האָט כסף ונחושת אַ קדימה לגבי זהב (ווייל זיי זיינען מער מצוי באַ אידן, און זיינען

58) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל"ו. ובכ"מ.

59) להעיר ממ"ש (מלאכי ג, יב) „כי תהיו אתם ארץ חפץ גו'", וידועה תורת הבעש"ט („היום יום" יז אייר): אָט אַזוי ווי די גרעסטע חכמים וועלען אייביג ניט דערגיין די גרויסע טבעיות'דיקע אוצרות, וועלכע השי"ת האָט טובע געווען בארץ, אַז הכל הי' מן העפר (קהלת ג, כ), אָט אַזוי קען קיינער ניט דערגיין די גרויסע אוצרות וואָס ליגען אין אידן, וואָס זיי זיינען דעם אויבערשטענס ב"ה ארץ חפץ.

60) ראה שבת סז, א.

61) ראה תקו"ז בהקדמה (א, ריש ע"ב).

62) ראה רבותינו בעה"ת ריש פרשתנו. פי' הרא"ש שם. אגרת הטיול (לאחיו של המהר"ל) חלק הרמז אות ז. תורה שלימה עה"פ פרשתנו כה, ג (אות לח).

געוועז בריבוי יותר אין משכן, כנ״ל); אָבער בשעת מ׳רעדט וועגן אידן, וואָס זיי מאַכן אויף דעם גאַנצן משכן – קומט לכל לראש דער ענין פון זהב, וויבאַלד אַז אַ איד, אויך זייענדיק אַ מציאות ל־מטה, איז צום אַלעם ערשטן שייך צו „זהב״, וואָס דעריבער איז ער בכח צו מאַכן דעם משכן לה׳.

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס אידן האָבן דעמולט גע־האַט אַ ריבוי זהב וכסף אויך בפשטות – ווייל דאָס ווערט נשתלשל פון מעלתם, וואָס מצד עצם ענינם זיינען זיי עשירים (ברוחניות) בדרגת „זהב״, ובמילא ווערט דערפון נשתלשל אויך עשירות בגש־מיות, אַ ריבוי זהב.

ועפ״ז יומתק אויך וואָס אין פ׳ ויקהל (וואו עס רעדט זיך וועגן נדבת ישראל בפועל) טיילט די תורה פאַנאַנדער די נדבה פון זהב און די נדבה פון כסף ונחושת אין צוויי באַזונדערע פסוקים: „ויבואו האנשים על הנשים כל נדיב לב הביאו חח גו׳ כל כלי זהב, וכל איש אשר הניף תנופת זהב לה׳״[27], און צוויי פסוקים ווייטער (בהפסק הנדבות של תכלת גו׳) – „כל מרים תרומת כסף ונחושת גו׳״, ווי דער רמב״ן איז מבאר[19] „בעבור שהזכיר שם הנשים ואין להם כסף ונחושת רק הזהב בתכשיטין גו׳״ – ווייל זהב איז אַן אַנדער סוג באיכות פון כסף ונחושת און די אַנדערע נדבות – זהב באַווייזט אויף דער שלימות פון יעדער אידן, אנשים ונשים (און דערי־בער י״ל איז זהב געוועזן באַ ביידן, אפי־לו באַ די (נשים) וואָס האָבן ניט געהאַט כסף ונחושת).

ז. עפ״ז וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות מיט חודש אדר (וואָס בהתחלת החודש לייענט מען פ׳ תרומה). ובהקדים:

אויף דברי הגמרא אַז בחודש אדר איז „בריא מזלי״ פון אַ אידן – שטעלט זיך די שאלה: חז״ל זאָגן[63] דאָך אַז „אין מזל לישראל״[64]?

לכאורה וואָלט מען געקענט ענט־פערן לויט דברי רש״י אויף „אין מזל לישראל״ – „דעל ידי תפלה וזכות משתנה מזלו לטובה״[65]. דאָס הייסט, אַז אידן האָבן אַ מזל, אָבער דורך אַ כח חזק יותר (תפלה וזכות) קען מזלם נשתנה ווערן לטובה. דאָס איז אָבער ניט קיין ביאור מספיק בנוגע לחודש אדר – ווייל „בריא מזלי״ איז בפשטות דער טייטש, ניט אַז דורך אַ כח שני (תפלה וזכות) ווערט דער מזל נשתנה, נאָר אַז דער מזל מצד עצמו (בחודש אדר) איז „בריא״.

ויש לומר הביאור בזה:

בעצם, מצד שרשם למעלה, זיינען אידן כלל ניט אונטער דער שליטה פון מזלות ח״ו, כמ״ש[66] „אל דרך הגוים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה״.

דער חידוש פון אַ אידן איז אָבער נאָכמער, אַז אפילו ווי ער קומט אַראָפּ אַלס אַ נשמה בגוף אין עולם הטבע, און גופו איז „נדמה בחומריותו לגופי אוה״ע״[46] (וואָס ווערן אָנגעפירט דורך

63) שבת קנו, סע״א.

64) בחדא״ג מהרש״א „גם שאמרו אין מזל לישראל, מ״מ מגלגלין זכות ליום זכאי כו׳״ (ולכן „בר ישראל דאית לי׳ דינא בהדי נכרי כו׳ לימצי נפשי׳ באדר״). אבל בגמרא מפורש הלשון ש„בריא מזלי״.

65) ובתוס׳ שם (ד״ה אין מזל): על ידי זכות גדול משתנה, אבל פעמים שאין המזל משתנה, כדאמר ביבמות פרק החולץ (נ, א) זכה מוסיפין לו לא זכה פוחתין לו.

66) ירמי׳ יו״ד, ב.

מזלות), איז ער אויך דאָ אין אַ מצב פון „אין מזל לישראל". און דערפאַר טאַקע האָט ער בכח – על ידי תפלה וזכות – אַז זיין מזל זאָל נשתנה ווערן לטובה. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ מצד אַ כח עליון יותר (תפלה וזכות), ניט דער מזל מצ"ע.

דער חידוש פון חודש אדר איז נאָכ־מער: אפילו ווי אַ איד, אַ יחיד[67], איז דאָ למטה פאַרבונדן מיט ענין המזל, און געפינט זיך אין אַ וועלט וואו „אית לי' דינא בהדי נכרי" (ביז אַז אין חודש אב דאַרף ער זיך דערפון משתמט זיין „דריע מזלי'") – איז אין חודש אדר „בריא מזלי'", גלייך אַריינגייענדיק אין דעם חודש (אפילו בלי שום עבודה מצדו), איז דער מזל מצ"ע „בריא", ביז אַז אפילו אַ ניט־איד דערזעט און דע־הערט דאָס.

ויש להוסיף לויטן פירוש הפנימי[68] פון „אין מזל לישראל", אַז „מזל ישראל" איז בחי' אין (ביטול). און דער חידוש בדבר איז, אַז דאָס איז אַזוי ניט נאָר למעלה, נאָר דער מזל (בחי' אין) איז נוזל[69] ונמשך למטה, אַז אויך ווי אַ איד געפינט זיך למטה בעולם המזלות, און „אית לי' דינא בהדי נכרי", איז זיין מזל – בחי' אין (ביטול לה'), כמדובר לעיל (ס"ה) אַז דער רצון פנימי פון אַ אידן איז צו מקיים זיין רצון ה', ביז אַז דאָס קומט אַרויס אין דעם אַז „בריא מזלי'", זיין מזל איז געזונט און שטאַרק אויך לעיני בשר (אפילו צו אוה"ע).

ח. עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק די שיי־כות פון חודש אדר מיט פ' תרומה:

באַ נדבת ועשיית המשכן איז אַרויס בגלוי (דער כח וואָס מ'האָט באַקומען באַ מ"ת) אַז אַ איד ווי ער איז למעלה (אין עליונים) אַזוי שטייט ער אויך למטה בתחתונים, אַז זיין מציאות (אויך אין אַ וועלט וואו נכסים זיינען תופס מקום) איז בדרגת „זהב", „זה הנותן בריא". און דאָס גיט דעם כח אַז בחודש אדר – ווען ס'איז געווען סיום עשיית המשכן (און דערנאָך – הקמת המשכן בז' ימי המילואים – בסיום חודש אדר, כ"ג אדר ביז ר"ח ניסן) – זאָל זיין „בריא מזלי'" פון אַ אידן, אַז אויך ווי ער איז פאַר־בונדן מיט דער דרגא פון „מזל" (תח־תונים), שטייט ער אין אַן אופן „בריא", „זה הנותן בריא".

ט. ויש לומר אַז דאָס איז אויך די שייכות דערמיט וואָס „משנכנס אדר מרבין בשמחה" (וואָס קומט אין איין המשך בגמרא מיט „בריא מזלי'"):

די גרעסטע שמחה וואָס קען זיין ביי אַ אידן איז, בשעת ער ווייס אַז בכל מצב וואו נאָר ער געפינט זיך – אפילו למטה מטה, אין אַ וועלט וואָס בחיצו־ניות זעט זי אויס ווי אַ העלם והסתר אויף אלקות – איז דער איד פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן[70], וואָרום אפילו ווי ער שטייט למטה אַ נשמה בגוף, איז ער דער „בן יחיד" פון מלך מלכי ה־

67) ראה חדא"ג מהרש"א שבת שם, שהפלוגתא בגמרא (באם יש מזל לישראל או אין מזל ישראל) הוא בנוגע ליחיד בישראל (ולא בנוגע לכלל ישראל).

68) או"ת להה"מ מט, ג. סב, ב. חנוך לנער ע' 48.

69) „מזל" מלשון נוזל (לקו"ת האזינו עא, ד. ובכ"מ).

70) ראה תניא ספל"ג: ישמח ישראל בעושיו פי' שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתוני' שהם בחי' עשי' גשמיית ממש.

מלכים הקב"ה, און דער אויבערשטער זאָגט אַז דער ערשטער פון די נכסים פון אַ אידן איז — "זהב", ד.ה. אַז אויך אין דער וועלט וואו נכסים גשמיים זיינען תופס מקום, איז יעדער איד אַן עשיר, ברוחניות און בגשמיות!

לויט דעם איז נאָך מער פאַרשטאַנ־דיק דאָס וואָס די גמרא פאַרגלייכט "משנכנס אדר מרבין בשמחה" מיט "מש־נכנס אב ממעטין בשמחה" — ווייל דער חידוש אין דעם איז, אַז אפילו אין אַ דרגא פון חושך למטה (וואָס דערפאַר "ממעטין בשמחה"), האָט מען בכח פון חודש אדר דאָס צו מהפך זיין, כנ"ל (ס"א).

און בשעת אַ איד איז זיך אין דעם מתבונן ברענגט עס אים צו אַ שמחה גדולה ביותר, און אַזאַ שמחה וואָס מאַכט אויך איבער זיין גשמיות'דיקע לעבן, ווי ער לעבט אין עולם הזה לויט די גדרים פון טבע העולם:

די תכונה פון שמחה איז, אַז זי פועל'ט און נעמט דורך אַלע ענינים פון אַ מענטשן. בשעת אַ מענטש איז שמח — לעבט ער אַליין אַ פריילעכן לעבן, אַ פריילעכקייט וואָס ווירקט אויף אַלע זיינע טועכצן און אין אַלץ וואָס ער קומט אין באַרירונג, און ער איז אויך מ־שמח אַנדערע אַרום אים. וואָס די שמחה גיט אַריין מער הצלחה אין אַלע זיינע פעולות און זיין גאַנצן לעבן — ווי מ'זעט במוחש.

דאָס הייסט, אַז נוסף אויף דעם וואָס דורך שמחה ווערט מען אַ "בן עולם הבא" (כמאחז"ל[71] הנהו בדחי — ששמחים ומשמחים בני אדם — "בני עלמא דאתי נינהו") — ווערט ער אויך אַן אמת'ער "בן עולם הזה", אַז זיין לעבן אין עולם הזה

71) תענית כב, א.

איז אַן אמת'ער, פריילעכער און הצ־לחה'דיקער לעבן.

י. דער ענין שטייט נאָכמער בהד־גשה אין דער קביעות פון ראש חודש אדר בשנה זו — ביום ג' וד':

די גמרא זאָגט[72]: "גימ"ל דל"ת — גמול דלים". דאָס הייסט, אַז אפילו ווי מ'שטייט אין אַ מצב פון "דלים", ווערט אויך נמשך דער גמול והשפעה מל־מעלה, אַזוי אַז עס ווערט דער חיבור פון ג' ד' צוזאַמען — "גד", וואָס פירושו איז מזל[73] — "בריא מזליי", ביז באופן פון "זהב", "זה הנותן בריא".

ובפרטיות יותר יש לומר — אַז אויך דער ענין פון "(גמול) דלים" באַווייזט אויף דעם עילוי פון אַ אידן, וואָס האָט זיך אויפגעטאָן באַ מתן תורה.

ובהקדים דעם דיוק הלשון "גמול דלים" דוקא און ניט "גמול רשים"[74]. דלכאורה: דאַרפן "רשים" אָנקומען צו "גמול" נאָכמער ווי "דלים" — כידוע[75] אַז אע"פ וואָס דל"ת און רי"ש זיינען ביידע פאַרבונדן מיט ענין הדלות ו־עניות, איז רי"ש (ולרש אין כל[76]) אַן ענין פון דלי דלות, נידעריקער פאַר דלות?

ויש לומר דעם ביאור בזה[77]: דער

72) שבת קד, א.

73) פרש"י ויצא ל, יא.

74) דאף ש"גמול דלים" הוא פירוש הגמרא בר"ת של אותיות ג' ד' (הסמוכות זל"ז), הרי מכיון שכל ענין בתורה הוא בתכלית הדיוק, מובן, שסמיכות ג' וד' אינו באקראי ח"ו, אלא היא מפני הענין ד"גמול דלים" דוקא (ולא "רשים").

75) תו"א מג"א קיח, סע"א (מפרדס שער כז פ"ג). ובכ"מ.

76) ש"ב יב, ג.

77) בהבא לקמן — ראה תו"א שם. וראה בארוכה ספר הערכים־חב"ד מערכת אותיות — אות ד' (ע' תיז ואילך), ואות ר' (ע' שסא ואילך). וש"נ.

אונטערשייד צווישן דלי״ת און רי״ש איז אויך מרומז אין צורת האות: צורת אות דלי״ת איז ענליך צו צורת אות רי״ש (אַ רגל ימיני מיט אַ גג למעלה), אָבער — מיט אַ הוספה פון דעם עוקץ (נקודה) מאחורי הגג. וואָס די נקודה — באַווייזט אויף דעם ענין הביטול, וואָס פאַרבינדט דעם מקבל (מלכות, דלית לה מגרמה כלום[78]) מיט דעם משפיע (יסוד), אַזוי אַז עס זאָל זיין „גמול דלים״.

ובעבודה — גייט די נקודה אויף דער נקודת היהדות וואָס איז דאָ אין יעדער אידן, בכל מצב שהוא, וואָס פאַרבינדט אים מיט דעם „גמול״ (השפעה) מלמעלה.

ויש לומר אַז דער ענין פון „(גמול) דלים״ — אַז אפילו ווי אַ איד שטייט אין מצב פון „דל״, האָט ער די נקודה מאחוריו בתכלית השלימות — האָט זיך אויפגעטאָן באַ מתן תורה, כמדובר לעיל אַז דעמולט איז געווען דער ביטול הגזירה בין עליונים ותחתונים, און ס׳איז געווען דער „ובנו בחרת״ אין אידן אַלס נשמות בגופים למטה, וואָס פון דעמולט אָן איז שוין מערניט שייך באַ אידן דער ענין פון רי״ש, „רשים״[79].

דאָס הייסט: פאַר מתן תורה איז אויך געווען דער ענין ווי אלקות ווערט נמשך למטה, אָבער דעמולט איז דאָס געווען אין אַן אופן פון „גמול רשים״, אַז תחתונים (רשים) בלייבן אַ באַזונדער זאַך פון עליונים (גמול), משא״כ באַ מ״ת האָט זיך אויפגעטאָן דער ענין פון „גמול דלים״, חיבור עליונים ותחתונים.

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָרט „גר״ ר״ת „גמול רשים״: פאַר מתן תורה האָט משה געזאָגט[80] „גר הייתי בארץ נכריי״. ד.ה. אַז ער איז דאָרטן געווען בלויז ווי אַ „גר״ (אַ פרעמדער) צוליב זיין פאַרבונד מיט דעם אויבערשטן, אָבער — „הייתי בארץ נכריי״. משא״כ נאָך מתן תורה איז ניט שייך די גאַנצע מציאות פון „הייתי בארץ נכריי״, ער זאָל האָבן אַ שייכות (אפילו אַלס גר) מיט דעם (ארץ מלשון) רצון פון אַ נכרי ח״ו, כפס״ד הרמב״ם הנ״ל אַז דער רצון אמיתי פון אַ איד איז צו מקיים זיין רצון ה׳ („רוצה הוא לעשות כל המצות ולהתרחק מן העבירות״) — ווייל ביי אים איז דאָ די נקודת היהדות (די נקודה מאחורי הדלי״ת) בשלימות.

יא. דער לימוד פון דעם אַלעם:

צום אַלעם ערשטן לערנט מען דערפון אַרויס — אַז דער אויבערשטער פסק׳נט אָפּ בתורתו הקדושה, התורה הנצחית לכל הדורות ובכל המקומות — אַז יעדער איד איז לכל לראש שייך צו „זהב״. ובפשטות — אַז יעדער איד דאַרף האָבן עשירות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות — עשירות בפשטות ממש!

נאָכמער: ניט נאָר וואָס ער דאַרף דאָס האָבן — נאָר יעדער איד האָט עשירות בפּועל. און אפילו אויב דאָס שטייט ניט בגלוי ובגשמיות — איז דאָס ניט דערפאַר וואָס דאָס איז ניטאָ ח״ו, נאָר ווייל אַ איד דאַרף דאָס מגלה זיין דורך זיין עבודה. ואדרבה: דורך דעם וואָס מ׳איז דאָס מגלה מתוך החושך — ווערט עס באופן פון יתרון האור מן החושך[81], אַ תוספת ריבוי של שפע רב פון גשמי

78) ראה זח״א לג, ב. רמט, ב. ח״ב רטו, א. ועוד.

79) ואף שמצינו קרבן במצב של דלי דלות (ויקרא ה, יא. וראה תו״א שם) — אולי י״ל, כי זהו קרבן על חטא, ש„יצרו הוא שתקפו״.

80) שמות ב, כב.

81) קהלת ב, יג.

ברכה, באופן של תגבורת החיות[82], אַז מ׳ווערט פאַרפלייצט מיט גשמי ברכה אך ורק למעליותא, ביז אַז דאָס איז אויך מהפך די פאַרפלייצונגען שלא ל־מעליותא צו פאַרפלייצונגען דטוב וקדו־שה (ביז — אַלס הכנה צו „מלאה הארץ דיעה את ה׳ כמים לים מכסים״[83]).

ועאכו״כ בדורנו זה — דער דור ה־אחרון אין גלות און דור הראשון פון גאולה — לאחרי וואָס מ׳האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, און עס דאַרף נאָר זיין קבלת פני משיח צדקנו בפועל — איז זיכער אַז דער אויבערשטער בענטשט יעדער איד מיט עשירות בזהב בגשמיות וברוחניות, ביז באופן (ווי ס׳איז געווען „כימי צאתך מארץ מצרים״ אַזוי איז אויך איצטער „אראנו נפלאות״[84]) — אַז „אין לך כל אחד ואחד מישראל שלא היו עמו תשעים[85] חמורים לובים טעונים מכספה וזהבה של מצרים״.

האָט מען דערפון גלייך די הוראה — אַז אַ איד דאַרף זיך משתדל זיין צו זיין אַן עשיר בפועל בכל הענינים, אָנהויבנ־דיק פון — עשירות אין רוחניות, אין עשיר אלא בדעת[86], ער זאָל זיין רייך אין תורה ומצוות, ביז אויך — עשירות בגשמיות, בכדי ער זאָל קענען מקיים זיין תורה ומצוות במנוחת הנפש ומנוחת הגוף (כפס״ד הרמב״ם[87]), און קענען מרבה זיין אין נתינת הצדקה און קיום המצוות בהידור, והידור לפנים מהידור וכו׳, ובכלל — צו אויסנוצן די עשירות („זהב וכסף ונחושת וגו׳״) אויף מאַכן פון דער אייגענער שטוב אַ משכן ומקדש לה׳ (ושכנתי בתוכם בתוך כל א׳ וא׳), כולל — אויך דורך געבן צדקה אויף אויפבויען אַ בית הכנסת ובית המדרש כפשוטו, „מקדש מעט״[88].

יב. ועוד והוא העיקר — בענין שה־זמן גרמא — אויפבויען דעם בית ה־מקדש השלישי בפשטות ממש:

לאחרי כל הפירושים אין דעם פסוק „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, כולל דעם פירוש „בתוך כל א׳ וא׳״ — איז דאָך אין מקרא יוצא מדי פשוטו[89], לכל לראש איז דער פירוש בזה בנוגע להלכה למעשה — אַז אידן האָבן דעם חיוב צו אויפבויען דעם בית המקדש.

ובנוגע אלינו מיינט עס — צו אויפ־בויען דעם בית המקדש השלישי, ב־פשטות ממש, כפס״ד הרמב״ם[90] אַז דאָס וועט אויפגעבויט ווערן דורך משיח צדקנו, „ובנה מקדש במקומו״[91], ועפ״פ דברי הרמב״ם „הכל חייבין לבנות ו־לסעד בעצמן ובממונם, אנשים ונשים כמקדש המדבר״ (כנ״ל), איז מובן אַז אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צום בית שלישי, אַז יעדער איד וועט זיך אין דעם משתתף זיין ע״י נדבותיו, אנשים נשים, ויש לומר — אויך טף (ווי ס׳איז געווען בנדבת המשכן).

ובפרט אַז בדורנו זה האָט מען שוין מחנך געווען און איינגעוואוינט — און

82) ולהעיר מהשייכות לאדר (שהוא בתקופת גשמים) — „אדר פירושו תוקף וגבורה, כמו אדיר במרום ה׳, ובביצה פ״ב דט״ו ע״ב הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר, שנאמר אדיר במרום ה׳ כו׳״ (לקוטי לוי״צ על פסוקי תנ״ך ומארז״ל ריש ע׳ צט).

83) ישעי׳ יא, ט. רמב״ם בסיום וחותם ספרו.

84) מיכה ז, טו.

85) ולהעיר מהשייכות לשנת הצדי״ק. וראה עיון יעקב לע״י בכורות ה, ב.

86) ראה כתובות סח, א. וראה נדרים מא, א.

87) הל׳ תשובה רפ״ט.

88) יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א.

89) שבת סג, א. וש״נ.

90) הל׳ מלכים רפי״א ובסופו. וראה לקו״ש חי״ח ע׳ 418 ואילך. וש״נ.

91) ל׳ הרמב״ם שם ספי״א.

מ׳איז ממשיך בזה – קליינע אידישע קינדער צו געבן צדקה: נוסף אויף צו מאַכן זיי שלוחים צו אָפּגעבן צדקה, גיט מען זיי אויך געלט וואָס ווערט זייערע געלט, בכדי אַז זיי זאָלן געבן פון די אייגענע געלט לצדקה.

יג. דערצו האָט מען אויך דעם לי־מוד בפשטות פון דעם וואָס „משנכנס אדר מרבין בשמחה" (וואָס קומט ב־הוספה אויף דעם ציווי וחיוב כללי בכל ימי השנה פון „עבדו את ה׳ בשמחה"[92], „עבדת את ה״א בשמחה ובטוב לבב"[93], ופס״ד הרמ״א (בסוף חלק או״ח): „טוב לב משתה תמיד"):

שטייענדיק באַ דער פתיחה פון חודש אדר, און בשנה זו – פון צוויי חדשי אדר, אדר ראשון ושני – וע״פ הידוע[94] אַז די פתיחה פון אַ זאַך האָט אַ כח מיוחד, וואָס עפנט אויף דעם צינור אויף דער שמחה במשך אַלע טעג פון די חדשי אדר בשנה זו – דאַרף מען גלייך אָנשעפּן כחות פון דער פתיחה וכניסה („משנכנס אדר") צו מרבה זיין בכל עניני שמחה,

דורך דעם וואָס יעדערער און יעדע־רע נעמט גלייך אָן החלטות טובות און ברענגט זיי גלייך אַראָפּ לפועל – צו זיך משתדל זיין בכל האופנים צו מוסיף און מרבה זיין אין דברים המשמחים, אָנהויבנדיק נאָך ביום זה באופן המותר בשבת [ובפרט אַז „וביום שמחתכם אלו השבתות"[95]], און דערנאָך – באופן פון מוסיף והולך ואור ושמח בכל יום ויום פון די צוויי חדשי אדר, יעדער טאָג מוסיף זיין נאָכמער אין עניני שמחה [כידוע[96] אַז באַ שמחה דאַרף בכל יום זיין אַ חידוש – אַ „פנים חדשות"].

וע״פ הכלל בכל עניני טוב וקדושה, אַז כל המקדים הרי זה משובח וכל המרבה הרי זה משובח – עאכו״כ אַז אַזוי דאַרף זיין בנוגע צו עניני שמחה, וואָס מצ״ע זיינען זיי באופן פון פורץ גדר[97], ועאכו״כ „מרבין בשמחה" בחודש אדר, ועאכו״כ – באופן אַז בכל יום קומט צו נאָכמער שמחה לגבי די ימים שלפנ״ז.

ובפשטות:

יעדער איד זאָל מוסיף זיין אין כל עניני שמחה, הן בנוגע צו זיך אַליין, און הן בנוגע צו משמח זיין אַנדערע (כ־ידוע[98] אַז שלימות ענין השמחה איז דוקא מיט אַנדערע צוזאַמען),

ולכל לראש – דורך מוסיף זיין אין „פקודי ה׳ ישרים משמחי לב"[99], לימוד התורה, נגלה דתורה און בפרט פנימיות התורה, און תלמוד גדול שמביא לידי מעשה[100] – קיום המצוות בהידור.

ועוד וג״ז עיקר – אַז דורך מרבין בשמחה בתומ״צ זאָל עס אַרויסקומען אויך אין מרבין בשמחה בפשטות, אויך אין און דורך ענינים גשמיים [כמדובר לעיל, אַז דער אויפטו פון אדר איז אַז אויך אין דער וועלט זאָל זיין „בריא מזלי"] – ווי אָנגעוויזן ע״פ השולחן ערוך. און אויך אין דעם זאָל עס זיין סיי בנוגע צו משמח זיין זיך אַליין, און

92) תהלים ק, ב.

93) תבוא כח, מז.

94) ראה לקו״ש ח״כ ס״ע 74 ואילך. וש״נ.

95) ספרי בהעלותך י, י.

96) כתובות ז, סע״ב. טושו״ע אה״ע סס״ב ס״ז ואילך.

97) ראה סה״מ תרנ״ז ס״ע רכג ואילך.

98) ראה רמב״ם הל׳ יו״ט פ״ו הי״ח.

99) תהלים יט, ט.

100) מגילה כז, א. קידושין מ, ב.

סיי אַנדערע, אָנהויבנדיק פון זיינע בני בית — דער בעל זאָל מוסיף זיין אין משמח זיין את אשתו, און עלטערן זאָלן מוסיף זיין אין משמח זיין זייערע קינדער, מיט ענינים וואָס זיינען זיי מ־שמח (לויט זייער טבע), ווי אָפּגעפּסק׳נט אין שולחן ערוך[101],

[ובפרט אַז דער פאָטער וועט משמח זיין די קינדער, ווי מ׳זעט בפועל אַז דורך דעם וואָס ער איז משמח זיינע קינדער, קומט אַמאָל צו נאָכמער שמחה באַ זיי, וואָרום זיי זעען ווי ער קען זיי אַמאָל זאָגן אַ שווערער וואָרט (צוליב חינוך), אָבער באופן אַז דאָס ברענגט דערנאָך אַ הוספה יתירה אין זיין חביבות צו זיי].

און אויך — מוסיף זיין אין משמח זיין אַנדערע אידן אַרום אים (כמדובר לעיל, אַז דורך דעם ווערט ער אַ בן עוה״ב ובן עוה״ז).

יד. ויהי רצון, אַז דורך דער הוספה וריבוי אין שמחה — זאָל דאָס שוין פורץ זיין אַלע גדרים, אָנהויבנדיק פון די לעצטע גדרים וואָס זיינען געבליבן פון גלות, און זיי מהפך זיין אויף טוב וקדושה,

ובעיקר — פורץ זיין די גדרים פון דעם רגע האחרון אין גלות, אַז דאָס זאָל שוין ווערן דער רגע הראשון פון גאולה, וואָס דאָס קומט דורך מעשינו ועבודתינו בכלל, ובפרט מתוך שמחה, ובמיוחד — דורך דער עבודה פון די נשים צדקניות בישראל, וואָס בזכותן וועט קומען די גאולה (ווי ס׳איז געווען בגאולת מצרים)[102],

ובפרט די נשים צדקניות וואָס זיינען אומגעקומען — ל״ע — אויף קידוש השם, פאַר קיין אידן געדאַכט. . . ויהי רצון אַז דאָס זאָל זיין דער לעצטער פאַל פון אַזאַ זאַך און פון ענין הפטירה בכלל. און מכאן ולהבא זאָל נאָר זיין אריכות ימים ושנים טובות פאַר יעדער איד און פאַר אַלע אידן, אנשים נשים וטף, בתוך בריאות — ובפרט אַז „בריא מזלי״ ב־חודש אדר — בריאות בגשמיות וברוח־ניות,

ביז איבערגיין, בלי הפסק כלל, אין חיים נצחיים, בגאולה האמיתית וה־שלימה.

וזכותה תעמוד לכאו״א מישראל, און זיכער צו איר אַליין, אָנהויבנדיק פון דעם אַז עס זאָל שוין זיין „הקיצו ורננו שוכני עפר״[103], און די צדיקים וצדקניות שטייען אויף מיד[104].

ובמקום כל זה — וועט זיין „ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה״ — ובפרט דורך דעם וואָס מ׳האָט דערצו געמאַכט די הכנה וכלי דורך דער שמחה בזמן הזה מעין פון „ימלא שחוק פינו״ [ע״י קיום המצוות בכלל, ובפרט דורך מצות תפילין, וואָס דורך דעם[105] ווערט „בדח טובא״[106], מעין פון „ימלא שחוק פינו״[107]], ובפרט זייענדיק אין דעם דור פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, וואָס שמו „יוסף יצחק״ איז מרמז אויף הוספה אין (יצחק מלשון) צחוק ושחוק ושמחה.

און אַלע אידן, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו[108], צוזאַמען מיט כספם

101) פסחים קט, א. רמב״ם שם. טושו״ע או״ח סתקכ״ט ס״ב. שו״ע אדה״ז שם ס״ז.

102) סוטה יא, ב.

103) ישעי׳ כו, יט.

104) ראה זח״א קמ, א.

105) ראה לקו״ש שבהערה 2. וש״נ.

106) ברכות ל, סע״ב.

107) ראה שם לא, א.

108) בא י, ט.

וזהבם אתם[109], צוזאַמען מיט אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות שבחוץ לארץ[110] – גייען אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי והמשולש, ותיכף ומיד ממש.

109) ישעי׳ ס, ט.

110) ראה מגילה כט, א.

## לזכות
# כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א
## מהרה יגלה אכי״ר

יה״ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק׳
ויבנה ביהמ״ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי״ד ממ״ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**